# LIVING TORAH

## פרשת ראה

### בס"ד. משיחת יום ב' פ' ראה, כ"ף מנחם-אב ה'תשמ"ו

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

די גאַנצע סדרה ווערט אָנגערופן בשם "ראה" – איז דאָך פאַרשטאַנדיק אויך פאַר תינוקות של בית רבן, אַז "אינו דומה ראי' לשמיעה",

און דאָס איז אויך פאַרשטאַנדיק פאַר – להבדיל – בני-נח, וואָרום דאָס איז דאָך אַן ענין שבשכל, כאמור, אַז מ'זעט די התפעלות וואָס ס'ווערט פון אַ זאַך ששומע, אפילו ווען ער הערט דאָס פון עדים נאמנים, פון טאַטע-מאַמע, אָדער בשעת ער איז רואה בעיניו ממש – איז די התפעלות און די התאמתות ווי דאָס ווערט ביי אים אָנגענומען – שלא בערך, ביז אַז מ'זאָגט אַז ס'האָט גאָר קיין פאַרגלייך ניט – "אינו דומה ראי' לשמיעה".

און אָט דאָס זאָגט מען אַ אידן, אָנהויבנדיק נאָך פון גאָר אַ קליין קינד, אַז בשעת ס'רעדט זיך וועגן תורה, און ס'רעדט זיך וועגן אירע מצוות, וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון אידישקייט – דאַרף דאָס ביי אים זיין אין אַן אופן פון "ראה":

פונקט ווי ער זעט מתן תורה, "עינינו ראו ולא זר" און "עינינו שמעו ולא אחר", ווי דער רמב"ם ברענגט דאָס אַראָפּ דעם אויפטו פון נבואת משה רבינו לגבי שאר הנביאים, וואָס דאָס רעדט זיך דאָרטן וועגן נביאי אמת, אָנהויבנדיק פון ישעי' וכיוצא בזה,

איז דאָס זאָגט מען יעדער קינד, אַז יעדער זאַך איז פאַרבונדן מיט תורה, לערנסטו אין היינטיקן טאָג דעם שיעור אין דער סדרה, וואָס ס'רעדט זיך וועגן אַ ריבוי ענינים, און די גאַנצע סדרה ווערט אָנגערופן בשם "ראה" – אַז דו זעעסט דאָס, און דערפאַר קען מען באַ דיר מאָנען, אַז ס'זאָל זיין "כחדשים", פונקט ווי דו זעעסט דאָס – דערפאַר וואָס באמת דיין נשמה זעט דאָס טאַקע,

במילא דאַרפסטו זיך איינגעוואוינען בנוגע למעשה בפועל, אָנהויבנדיק דערפון, וואָרום "המעשה הוא העיקר", ובמיוחד בהנוגע צו אַ קטן, וואָס מחשבה איז לאו דוקא משא"כ מעשה אית לי', בפרט נאָך אַז דאָס רעדט זיך וועגן תינוקות של בית רבן, איז באַ זיי איז דער עיקר כל העיקרים איז דער ענין פון "ראה".

דערנאָך קומט אין דעם שיעור פון צווישן שני און שלישי רעדט זיך דאָרט אויך אַ ריבוי ענינים; איינער פון די ענינים חידושים שבדבר איז – אַז "כי ירחיב הוי' את גבולך",

אַז דו קענסט דאָך פרעגן אַ שאלה, [וואָס באמת איז דאָס ניט דיין שאלה; דו ביסט אַ מאמין בן מאמין – דאָס איז אָבער אַ שאלה וואָס ווערט אַריינגעוואָרפן פון דעם חלל השמאלי]: היתכן, ווי אַזוי מאָנט מען, בשעת "אותותינו לא ראינו" – אַז ס'זאָל זיין דעמאָלט דוקא דער ענין פון "ראה", ביז אין אַן אופן אַז דאָס זאָל פועל זיין במעשה, און מ'זאָגט דאָס אַז דאָס דאַרף פועל זיין אין אַ ריבוי מעשים, בדוגמא ווי ריבוי ענינים ווי זיי שטייען אין פרשה ראה?

זאָגט מען, אַז דאָס ווערט דערציילט אין דעם חלק, צווישן שני און שלישי, אַז זאָלסט וויסן זיין, "כי ירחיב הוי' את גבולך" איז דאָס לשון עתיד;



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ראה

דאָס וואָס ס׳שטייט בסיום השיעור, ״ועשית הישר והטוב״, און ווי רש״י טייטשט דאָס אָפּ, [וואָס דאָס לערנט מען דאָך מיט תינוקות של בית רבן, דאָס איז דאָך ״פשוטו של מקרא״], אַז דאָס איז סיי בעיני שמים און סיי בעיני אדם,

און וואָס דאָס איז פאַרבונדן איינס מיט די צווייטע: אָט דאָס וואָס ״ירחיב הוי׳ את גבולך״, און דאָס וואָס ס׳רעדט זיך אין דעם אָנהויבס פון דעם שיעור, אַז מ׳ברענגט מעשר שני און קדשים אין דעם בית המקדש, ובקרוב ממש אין ״מקדש אדנ׳ כוננו ידיך״, ווערט דאָס אויפגעטאָן ביז אין אַן אופן פון ״כי ירחיב הוי׳ את גבולך״ – ״כמצות רצונך״, און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך ״מעשינו ועבודתינו״ במשך הגלות – ״ועשית הטוב והישר״, ווי ער זאָגט אין סיום וחותם פון דעם שיעור.

וואָס אין דערויף זאָגט מען אויך, כמדובר לעיל, אַן ענין של ברכה, – ברכה אין ארץ הקודש עצמה, איז דאָ פאַר דעם ״ירחיב הוי׳ את גבולך״, וואָס דעמאָלט איז שוין געווען נאָך מתן תורה, און אידן זיינען געווען אוכלי המן, און געהאַט בארה של מרים מיט ענני הכבוד, און משה ואהרן עמהם – איז אעפ״כ איז דאָס נאָך ניט ״ירחיב הוי׳ את גבולך״,

דערנאָך וועט זיין ״ירחיב הוי׳ את גבולך״, ביז אין אַן אופן אַז דאָס קומט אַראָפּ אין מעשה בפועל.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.